— פאר וואס ? פאר ווען ? אזא רציחה ! אומזיסט־אומנישט ! ערגער ווי אין סדום !

דער דאזיקער שאס האט זיי דעם קאפ אראפגענומען. די דאזיקע קויל האט זיי געטראפן גלײַך אין הארצן אריין. גלײַך ווי ער האט געשאסן אף כתרילעווקע.

— רבונו של עולם ! — האבן זיי מתפלל געווען בא זיך אין הארצן. — באווײַז דײַנע וואונדער, דו קאנסט דאך, אז דו ווילסט, טו א נס, לאמבארי זאל באטש בלײַבן לעבן.

און גאט ברוך־הוא האט א נס געטאן, ער איז געבליבן לעבן.

*

אז ס'איז געקומען צום לעצטן טאג פונעם משפט, האט דאס מיט די כתרילעווקער געווארן ווי א קדחת. זיי וואלטן א בעלן געווען אנטשלאפן ווערן אף א גאנץ מעת־לעת און אויפכאפן זיך דעמאלט, ווען דרייפוס וועט, אם ירצה השם, שוין זײַן פרײַ. נאר, ווי אף צו־להכעיס, האט זיך בא קיינעם דאס אויג נישט געקאנט צומאכן. מע האט זיך יענע נאכט געקאטשעט פון איין זײַט אף דער אנדערער, מלחמה געהאלטן מיט די וואנצן און ארויסגעקוקט, עס זאל שוין ווערן טאג.

אז ס'איז געווארן טאג, איז מען אוועק אף דער פאסט. די פאסט איז געווען פארשלאסן און דער טויער אויך. ביסלעכווײַז האט זיך דער עולם אנגעהויבן צונויפקלײַבן ארום דער פאסט, און ס'איז געווארן פארפלייצט די גאס. יעדן זײַנען ארומגעגאנגען הין און צוריק, געגענעצט, געצויגן זיך, געדרייט די פאה און געזונגען שטילערהייט פון הלל.

אז יארעמע דער סטאראזש האט געעפנט דעם טויער, האבן יעדן א לאז געטאן זיך אלע מיט א מאל. איז יארעמע געווארן אנגעצונדן, באוויזן, אז דא איז ע ר בעל־הבית, און האט זיך צעלאזט אף זיי און, מחילה, זיי ארויסגעטריבן מיט בזיונות פון דער פאסט אין דרויסן ארויס, און דארטן האבן זיי געווארט אף זיידלען אזוי לאנג, ביז זיי האבן זיך פארט דערווארט. און אז זיידל האט אנגענומען דאס בלאט און האט זיי איבערגעלייענט דעם שיינעם פסק פון דרייפוסן, איז געווארן א געשריי, א ליארעם — הימל עפן זיך ! דער געשריי איז געווען נישט אף די ריכטער, וואס האבן שלעכט געפסקעט, נישט אף די גענעראלן, וואס האבן געשווארן פאלש, נישט אף די „פראנצעהויזענדיקע", וואס האבן זיך אזוי נישט שיין אויסגעפײַנט, — ניין ! דער געשריי איז געווען אף זיידלען.

— סע קאן נישט זײַן ! — האט כתרילעווקע געשריגן אין איין קול.

— סע קאן נישט זײַן אין דער וועלט אזא משפט ! הימל און ערד האבן געשווארן, אז דער אמת מוז ארויף, ווי בוימל אפן וואסער. וואס וועסטו אונדז דערציילן מעשיות ?

— בהמות ! — שרײַט נעבעך זיידל מיט אלע כוחות און שטופט זיי דאס בלאט גלײַך אין פנים ארײַן. — נאט זעט וואס סע שטייט אין בלאט !

— בלאט־שמאט ! — שרײַט כתרילעווקע. — און אז דו וועסט זיך שטעלן אט דא מיט איין פוס אפן הימל און מיט דער אנדערער אף דער ערד — וועלן מיר דיר גלייבן ? ס'איז א זאך, וואס עס קאן נישט זײַן ! עס קאן נישט זײַן ! עס קאן נישט זײַן ! עס קאן נישט זײַן !

א סימן — ווער איז געווען גערעכט ?...

**געשריבן אין יאר 1902.**

"Such a brutality, and for nothing! For nothing at all!"

"Worse! Worse! Worse than any sin ever sinned in Sodom!"

That same gun had been pointed at their breasts, that same bullet had penetrated their own hearts, that assassin had laid low each Kasrilevker!

Almighty God, Kasrilevke prayed, show Your wonders now. You know very well how to make a miracle if only You want to. Perform the miracle now that Lambori may live! And God, all blessings unto Him, performed the miracle and Lambori lived!

And so, at last, the trial came to its final day, and this final day worked upon Kasrilevke like a seizure of epilepsy. They quaked, they shook, they twitched. If only they could have fallen asleep and slept through a whole twenty-four hours, and waked up exactly at that moment when Dreyfus, with God's help, would at last be free. But as though out of spite, not one of them could close an eye. All night they tossed from side to side, quarreled with the bedbugs, waited in agony for the first light of dawn to show.

And when at last that first light showed, they leaped from their beds and ran to the post office, but it was still closed; even the gate was locked. They gathered, one after another, around the post office until the street overflowed. They paced back and forth, yawned, stretched, scratched their earlocks, murmured, "Hallelujah!"

When Yarmo, the janitor, unlocked the gates of the post office they all rushed inside at once. Yarmo became very angry—he'd show them who was boss here—and he drove them, with curses and insults, out into the street. And there in the street they waited and waited for Zaidle to make his appearance. And when at last Zaidle appeared, and when at last he picked up the paper and read aloud to them that nice passage about Dreyfus, there arose such a roar, such a protest, that the very heavens must have split. And this protest was not against the judge who had judged so badly; it was not against the generals who had sworn so falsely nor against the Frenchmen who had covered themselves with so much shame. No, this protest was against Zaidle, who read to them.

"It can't be!" Kasrilevke screamed with one voice. "It can't be! The heavens and the earth have promised that the truth must always come out on top, just as oil comes to the top of water! What will you tell us next? What lies? What stories?"

"Idiots!" shouted poor Zaidle with all the strength of his lungs, and he pushed the newspaper right into their faces. "Here! See what it says here in the paper!"

"Paper!" cried Kasrilevke. "Paper! And if you stood here with one foot in heaven and one foot on earth we still wouldn't believe you. Such things cannot be! No, this cannot be! It cannot be! It cannot be!"

Well, and who was right?

*Translated by Hilde Abel*